בס"ד

פרשת תרומה - תשפ"ב - גליון כ"ב

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

# די לוי' איז אין 'ראשון לציון' אבער דער באשעפער שיקט איהם קיין 'חולון'

## וועגן א פרוי אין חולון וויל זיין גרייט פאר שבת - פארציילט דער בארימטער מגיד מישרים הרה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א

### שבת איז א מתנה, אבער זוכה זיין צו דעם דארף מען מאכן אן הכנה

טייערע אידן! איך וויל אביסל רעדן וועגן די הכנה צום הייליגן שבת. עס שטייט אין ספה"ק אוהב ישראל און אויך אין ספה"ק קדושת לוי אין פרשת כי תשא אויפן פסוק "אך את שבתותי תשמרו". חז"ל זאגן אז השי"ת האט געזאגט פאר משה רבינו ע"ה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה לך והודיעם. די טעם פארוואס שבת קודש ווערט אנגערופן א מתנה איז ווייל די קדושה פון שבת איז גאר גאר הויעך, און כדי זוכה זיין מקבל צו זיין די הויעכע קדושה מוז מען מאכן א הכנה א גאנצע וואך דורך לימוד התורה און תפילה און דורך סור מרע ועשה טוב. מיט דעם טייטשט ער די פסוק "ששת ימים יעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון קודש לה'", מלאכה מיינט אז מען זאל עוסק זיין א גאנצע וואך אין תורה ותפילה און מצוות ומעשים טובים, און אז מען וועט אזוי טוהן וועט מען זוכה זיין צו די קדושה פונעם הייליגן שבת.

א מענטש זאל אבער נישט טראכטן אז וויבאלד איך האב געמאכט א הכנה א גאנצע וואך צום שבת, דערפאר קומט זיך מיר א ודאי אז איך זאל זוכה זיין מרגיש צו זיין קדושת שבת. דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו "מתנה טובה יש לי בבית גנזי", די קדושה פון שבת איז זייער הויעך און עס קומט זיך נאכנישט פארן מענטש צו שפירן קדושת שבת צוליב זיין עבודת ההכנה. די גאנצע טעם פארוואס מען מוז מאכן אזא גרויסע הכנה צום שבת איז נאר כדי צו מאכן א כלי צו מקבל זיין די קדושת שבת, אבער נישט אז צוליב די הכנה קומט זיך מיר די קדושה, נאר דאס איז א מתנה טובה פונעם הייליגן באשעפער.

איך האב אין די ענין געהערט א שיינע מעשה פון הגה"צ אלימלך בידערמאן שליט"א: אין א ווינטערדיגער ערב שבת קודש - א קורצע פרייטאג - איז א איד נפטר געווארן אין בני ברק, און מען האט אים געדארפט באערדיגן אין ראשון לציון. די לויה איז ארויסגעפארן פון בני ברק, און די מעמד הקבורה האט געהייסן צוויי אזייגער נאכמיטאג אינעם בית החיים, און די בני המשפחה האבן זיך ארויסגעלאזט צום פעלד. די זייגער קלאפט אויף צוויי און די משפחה איז שוין פארזאמלט ביים חלקה, אבער איין טאכטער פונעם נפטר מיט איר מאן זענען נאכנישט דא. די משפחה האט שוין אנגעהויבן ווערן אנגעצויגן, עס איז דאך א קורצע פרייטאג און עס איז נישטא קיין צייט צו ווארטן. די זייגער ווייזט שוין האלב דריי, און אלע זענען בדעה אחת אז מען קען שוין נישט ווארטן און מען וועט מוזן מאכן די קבורה אהן דעם טאכטער, אבער די חברה קדישא טענה'ט אז דאס ארבעט נישט אזוי און מען קען בשום אופן נישט מאכן די קבורה אויב א טאכטער פונעם נפטר איז אויפן וועג צום בית החיים. בלית ברירה האט מען געווארט און געווארט און געווארט, ביז ענדליך אפאר מינוט נאך דריי איז די טאכטער מיט איז מאן אנגעקומען אין בית החיים, און מען האט שנעל אין איילעניש געמאכט די קבורה און אלע זענען שנעל צוריק אהיים געפארן זיך גרייטן אויף שבת.

די בני המשפחה האבן געפרעגט די טאכטער פונעם נפטר "וואס איז געשעהן, פארוואס האסטו געשפעטיגט מיט איבער א שעה פונעם אפגעשמועסטער צייט צו די קבורה, און נאך אויף אזא קורצע אנגעצויגענע ערב שבת?" זי האט זיי דערציילט אן אינטערעסאנטער מעשה: מיר זענען ארויסגעפארן באצייטנס, אבער מיר האבן געמאכט איין קליינע... גרייז, אנשטאט שרייבן אינעם GPS אז מיר וויל אנקומען פום בית החיים אין ראשון לציון האבן מיר געשריבן די בית החיים אין שטאט חולון... מיר קומען אהן אינעם חולון'ער בית החיים און מיר זוכן אויף די חלקה מיט די בני המשפחה אבער אין קול ואין עונה. מיר פרעגן דארטן די חברה קדישא אויב עס איז נישט דא יעצט א לויה פון א בני ברק'ער איד, אבער זיי האבן נישט געוואוסט צו זאגן פון קיין שום לויה וועלכע דארך יעצט פארקומען. מיר זיכן און פארשן ביז מיר

זענען דערגאנגען אונזער טעות אז מיר זענען אין חולון און נישט אין ראשון לציון. מיר ווילן אריינקלאפן אינעם GPS די בית החיים אין ראשון לציון און אפסססס... די GPS איז שבק חיים לכל חי...געשטארבן און פערטיג... וואס טוט מען יעצט ? מיר הייבן אהן אפשטעלן מענטשן אין די גאס און מיר בעטן אנווייזונגען ווי אזוי מען פארט קיין ראשון לציון, אבער ווער וואס ווען ווי... קיינער ווייסט אונז נישט וואס צו ענטפערן. מיר הייבן אן ווערן זייער נערוועז, וואס וועט דא זיין ? ווער ווייסט צו מען האט שוין געמאכט די קבורה ? מיר געבן אבער נישט אויף און מיר שטעלן אפ איין מענטש נאכן צווייטן ביז מיר טרעפן אן איינעם און יענער זאגט אונז אז ער האט אן ארבייטער א פרוי וואס וואוינט אין ראשון לציון, און ער וועט איר בעטן אז זי זאל מיט אונז אהיימפארן קיין ראשון לציון און אונז ווייזן די וועג, אזוי וועט זיין זה נהנה וזה נהנה.

די פרוי קומט אריין צו אונז אין קאר און זי געבט אונז דיירעקשענס צו פארן קיין ראשון לציון. פארענדיג אויפן וועג דערציילט זי אונז: איך פיר מיך צו אנגרייטן מיין שטוב לכבוד שבת שוין דאנערשטאג בייטאג, און ליל שישי איז שוין די גאנצע שטוב פולקאם גרייט לכבוד שבת. נעכטן בין איך געווען זייער פארנומען און איך האב נישט געהאט די מעגליכקייט צו פערטיגן די דירה לכבוד שבת. איך בין אויפגעשטאנען פארטאגס און געארבעט און פראבירט צו ענדיגן מאכן די הויז שבת'דיג, אבער די זייגער האט נישט געווארט אויף מיר... און איך האב מיך געמוזט אפשטעלן פון מאכן שבת'דיג און איך האב מיך ארויסגעלאזט קיין חולון צו די ארבעט. אנקומענדיג האב איך געזאגט פאר מיין בעל הבית אז איך בין די וואך נאכנישט גרייט פאר שבת, און איך האב אים געבעטן אז די וואך זאל ער מיר לאזן אהיימפארן פריער צו קענען ענדיגן באצייטנס מיינע הכנות צום שבת. מיין בעל הבית איז זייער א שטרענגער גראדער מענטש און ער האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פון אזאנס.

איך האב מיך ניטאמאל פראבירט צו טענה'ן מיט אים, ווייל איך האב שוין געוואוסט אז ווען ער זאגט ניין... מיינט דאס 'ניין' מיט א גרויסער אל"ף... איך האב אבער געבעטן א שטילע תפילה פון הארץ פאר השי"ת, "הייליגער טאטע, דו ווייסט דאך אז איך בין מיך נוהג צו זיין גרייט אויף שבת שוין ליל שישי און די וואך איז מיר דאס נישט געווען מעגליך, איך בעט דיר טאטע איך זאל אהיימקומען היינט פריער כדי צו ענדיגן מיינע הכנות אויף שבת באצייטענס". איך האב אליינס נישט געוואוסט ווי שטארק זענען מיינע תפילות... נישט נאר וואס איך בין היינט אהיים פריער ווי יעדער פרייטאג, נאר איך האב נאך באקומען א היטש אויך!!!

מען זעהט פון די מעשה, אז ווען א איד מאכט א הכנה צום הייליגן שבת מיט אן אמת, העלפט אים השי"ת און איז מסבב סיבות אז זיינע הכנות זאלן אים גרינג אנקומען.

און בזכות פונעם הייליגן שבת וועלן מיר זוכה זיין צום גאולה שלימה אמן!

## דער הייליגער קדושת ציון צופייערט זיך דארט אין שפיטאל

# די קדושת שבת שיינט אריין פון אלע ווינקלעך

### נאכן חורבן ביהמ"ק ווען וועט השי"ת מאכן רוען די שכינה?

טייערע אידען! איך וויל היינט ווייטער רעדן וועגן דעם הייליגן שבת!

עס שטייט אין ספה"ק דגל מחנה אפרים אין פרשת כי תשא אז די הארה פונעם הייליגן שבת איז פונקט אזוי גרויס ווי די הארה וואס איז געווען אין בית המקדש! די שורש פון ביידע אורות -שבת און בית המקדש- זענען די הארה פון עולם הבא. "ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם", די בעל הטורים זאגט אויף דעם פסוק, אז די ראשי תיבות פון "את השבת לדורותם" איז אהל. אין דעם איז מרומז דאס וואס השי"ת האט געזאגט "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", ווילאנג עס וועט זיין א בית המקדש וועל איך משרה זיין מיין שכינה דארטן. ווען עס וועט נישט זיין קיין בית המקדש וועט זיין השראת השכינה דורך דעם הייליגן שבת, ווייל שבת איז אויך א בחינה פון אהל - א משכן.

עס האט דערציילט הרה"ח חיים קופפערמאן ז"ל מחשובי חסידי באבוב: דער באבוב'ער רב הרה"ק שלמה זצ"ל האט אמאל געדארפט פארן זיך אפערירן די אויערן, און זיין טאטע הרה"ק בעל קדושת ציון מבאבוב זצ"ל איז מיטגעפארן מיט אים צום שפיטאל צו זיין מיט אים דארטן. זייער ווילן דארטן האט זיך פארצויגן לענגער ווי געפלאנט און זיי האבן געמוזט בלייבן אויף א שבת אין א האטעל נעבן די שפיטאל. זיי האבן דאך אבער נישט געפלאנט צו זיין דארטן אויף שבת, און זיי האבן ניטאמאל געהאט מיט זיך קיין בגדי שבת און קיין מאכלי שבת, זיי האבן בלויז געהאט מיט זיך אביסל מילכיגע מאכלים און דאס האבן זיי געניצט פאר סעודות שבת. פרייטאג צו נאכטס האט זיך דער הייליגער קדושת ציון זצ"ל זייער צופייערט און זיך אנגערופן צום זוהן דער באבוב'ער רב זצ"ל: מיר האבן טאקע נישט קיין בגדי שבת, און מיר האבן טאקע נישט קיין מאכלי שבת, און מיר האבן ניטאמאל קיין מנין מיט וועמען צו דאווענען די תפילות שבת. מיט דעם אלעם קוק נאר און זעה מיט דיינע אויגן ווי עס שיינט אריין די קדושת שבת פון אלע ווינקלעך און שפאלטענעס! ווען דער באבוב'ער רב זצ"ל פלעגט דערציילן די מעשה פלעג ער מיט דעם טייטשן "ראו כי ה' נתן לכם את השבת", אז מען קען זעהן מיט די אויגן די קדושה פונעם הייליגן שבת וועלכע שיינט אריין פון אלע ווינקלעך און שפאלטענעס!

# א שבת התוועדות פאר משפחות פון קדושי מירון - אין אקריינא

אפאר וואכן צוריק איז געשעהן א מורא'דיגע מעשה: מען האט ארגאניזירט א שבת התוועדות אין שטעטל יאמפעלע אוקריינע פאר אלע עלטערן וואס האבן ל"ע פארלוירן קינדער ביי די שרעקליכע אומגליק אין מירון ל"ג בעומר תשפ"א. די שבת איז געווען א שבת פאר די יארצייט פון הרה"ק יוסף זצ"ל מיאמפעלע א זוהן פון הרה"ק מיכל'ע מזלאטשוב זי"ע, און ער ליגט טאקע דארטן אין יאמפעלע. איינע פון די עלטערן איז הרה"ח ברוך גרינבוים שליט"א וואס האט פארלוירן זיין זוהן הרה"ח יוסף גרינבוים ז"ל, ער האט אבער זיך נישט געקענט משתתף זיין ביי יענע דערהויבענע שבת, און ער איז געבליבן אויף שבת ביי זיך אינדערהיים אין אלעד. בגוף איז ער טאקע געבליבן אין אלעד, אבער במחשבה האט ער זיך משתתף געווען מיט די אידן אין יאמפעלע און ער איז א גאנץ שבת געווען מקושר מיט הרה"ק יוסף זצ"ל מיאמפעלע.

די השגחה העליונה האט געפירט צו זייער אן אינטערעסאנטער פאסירונג! צו סעודה שלישית איז ער געגאנגען אין א ביהמ"ד אין אלעד אין וועלכע ער גייט געווענליך נישט אריין. אריינקומענדיג האבן זיך זיינע אויגן באגעגענט מיטן ספר "מלכי בקודש" וואס האט תורות פון הרה"ק מיכל'ע מזלאטשוב זי"ע, און סוף ספר איז דא א ספר חמשת ארזים מיט תורות פון זיינע פינף הייליגע קינדער. ר' ברוך האט אנגעהויבן זוכן א דבר תורה, און ער האט געטראפן א ווארט פון... הרה"ק יוסף מיאמפעלע זי"ע אין פרשת שמות. דער פסוק זאגט דארטן "אל תקרב הלם", טייטשט ער אז א מענטש זאל נישט זאגן "ווען איך וואלט געווען אויף יענער פלאץ און ווען איך וואלט געהאט גרויסע כוחות וואלט איך געדינט השי"ת. "של נעליך מעל רגליך" ווארף אוועק דיינע רגילות און דיינע שטותים, ווייל "המקום שאתה עומד שם אדמת קודש היא" דוקא אויף דעם פלאץ וואו דו ביסט און מיט די כוחות וואס דו האסט קענסטו דינען השי"ת.

ער ברענגט פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע "ובקשתם משם את ה' אלוקיך, ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך", זאגט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע "ובקשת משם" פון דעם פלאץ וואו דו ביסט און מיט דיינע כוחות וואס דו האסט פון דארטן זאלסטו זוכן השי"ת, און פון דארטן וועסטו טרעפן השי"ת!

דעם ווארט זאגט הרה"ק יוסף מיאמפעלע זי"ע אפילו אויף א גאנצע וואך, און לויטן ווארט פונעם הייליגן דגל און לויטן מעשה פונעם הייליגן קדושת ציון איז דאך בי קדושת שבת על אחת כמה וכמה אז ווי מען איז איז מען זוכה צו קדושת שבת!

הרה"ח ברוך שליט"א האט זיך נישט געקענט פארשטעלן א פאסיגערע דבר תורה פאר זיין מצב דעמאלס.... און נאך פון הרה"ק יוסף מיאמפעלע....

בכל לבבך

# נאכן אויפגעבן זיין פרנסה פאר א תפילה בציבור טרעפט ער זיך אויף מארס"י קארנע"ר בראדווע"י

### דער בעסטער סגולה פאר פרנסה ברווח - איז תפלה בציבור

טייערע אידן! היינט וויל איך אביסל רעדן וועגן די ענין פון תפילה בציבור. דער הייליגער מאור ושמש אין פרשת משפטים שטעלט זיך אויפן פסוק "ועבדתם את ה' אלוקיכם, וברך את לחמך ואת מימיך, והסרתי מחלה מקרבך". באמת ווערט א יעדער איד מקובל ומרוצה פארן אויבערשטער מיט סיי וועלכע סארט עבודה ווילאנג ער מיינט דאס לשם שמים. אבער אף על פי כן איז דער עיקר עבודת ה' אז א איד זאל דינען השי"ת בציבור, סיי ביי מצוות לימוד התורה זאל מען נישט לערנען בד בבד נאר מיט חבירים, ובפרט ביי תפילה זאל א איד זייער נזהר זיין צו דאווענען בציבור. אויב א איד איז נזהר צו דאווענען תפילה בציבור, איז מובטח לו אז ער וועט האבן פרנסה בהרחבה, און עס וועט זיין מצוי א ברכה במעשי ידיו, און בזכות תפילה בציבור ווערן אלע גזירות רעות בטיל.

ער טייטשט מיט דעם "ברב עם הדרת מלך", אז ווען עס קומען זיך צוזאמען א ציבור אידן צו דאווענען אין איינעם, "הדרת מלך" האט השי"ת כביכול חרטה אויף אלע גזירות רעות און ער איז זיי מבטל, און השי"ת איז ממשיך אויף אידן נאר השפעות טובות. ער טייטשט מיט דעם "ועבדתם את ה' אלוקיכם" אויב איר וועט דאווענען תפילה בציבור, דעמאלס "וברך את לחמך ואת מימיך" עס וועט זיין

פרנסה בהרחבה און עס וועט זיין א ברכה אין די לימוד התורה.

על כל פנים, מען זעהט פון דעם ווארט די גרויסקייט פון תפילה בציבור, און וויפיל שפע דאס ברענגט פארן מענטש!

עס האט מיר דערציילט א איד א פלא פון א מעשה, וועלכע שרייט ארויס די געוואלדיגע כח פון תפילה בציבור, און ער האט אזוי דערציילט: איך האב א חבר וועלכע איז אנגעקומען פון אייראפע נאכן קריג, ער האט געהייסן שמעון. ער האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג, און ער האט באקומען א דזשא"ב אין א ניטינ"ג פעקטאר"י אין די איסט סייד און ער האט שווער געארבעט פאר זיין ביסעלע לחם לאכול. ער האט געהאט א קביעות אז יעדן טאג צווי אזייגער נאכמיטאג פלעגט ער נעלם ווערן פאר א שעה צייט פון די ארבעט. די נאנטסטע מנחה בציבור איז געווען צוואנציג מינוט אוועק פון די פעקטארי, ממילא פלעג ער גיין צוואנציג מינוט, דאווענען מנחה פאר נאך צוואנציג מינוט, און צוריקגיין צום פעקטארי נאך צוואנציג מינוט.

מיט די צייט האט פארן בעל הבית -א פרומער איד- פארדראסן אז שמעון פעלט יעדן טאג א גאנצע שעה פון די ארבעט, און ער האט אים געפרעגט "שמעון, וואו ווערסטו נעלם יעדן טאג פאר א גאנצע שעה אינמיטן טאג?" שמעון האט געענטפערט מיט א פשטות "איך גיי דאווענען מנחה בציבור א וועג פון צוואנציג מינוט אהין און צוואנציג מינוט צוריק". דער בעל הבית האט גע'טענה'ט "איך דארף וויכטיג האבן יעדער מינוט פון דיין ארבעט, און איך קען מיך נישט ערלויבן אז דו זאלסט מיר פעלן א גאנצע שעה יעדן טאג, איך וועל פרעגן א דיין אויב דו מוזט טאקע דאווענען מנחה מיט מנין". דער בעל הבית האט געפרעגט א שאלה פון א דיין, און מען האט גע'פסק'ענט אז ער איז נישט מחוייב צו דאווענען מיט מנין אויב דער בעל הבית האט פון דעם א שאדן, נאר ער קען דאווענען ביחידות אינעם פעקטארי. ויהי ממחרת, און עס קומט צווי אזייגער, און שמעון הייבט זיך אויף און טוהט זיך אהן די היט און רעקל און הייבט אן ארויסגיין פונעם פעקטארי. דער בעל הבית גלייבט נישט וואס ער זעהט און ער פרעגט אים "שמעון! וואו גייסטו שוין ווייטער?" שמעון ענטפערט מיט א רואיגקייט "איך גיי דאווענען מנחה מיט מנין!". דער בעל הבית האט זיך זייער אויפגערעגט און ער האט אנגעהויבן שרייען "דו קענסט זיך צוזאמען פאקן דיינע פעק און דו ביסט אפגעזאגט פון דיין דזשא"ב!". שמעון האט זיך בכלל נישט דערשראקן ער האט זיך צוזאמען געפאקט די ביסל זאכן וואס ער האט געהאט אינעם פעקטארי און ער איז ארויס אויפן גאס אהן א דזשא"ב.

שמעון האט געטראכט "אויב איך גיי שוין סיי ווי נישט צוריק ארבעטן אינעם פארבריק נאך מנחה, קען איך דאך שוין אהיים פארן און דאווענען מנחה אין וויליאמסבורג", און ער האט זיך טאקע ארויפגעזעצט אויפן טרע"ן אויפן וועג קיין וויליאמסבורג. אנקומענדיג קיין מארס"י קארנע"ר בראדווע"י איז ער אראפגעגאנגען, און ער זעהט ווי אן אלטער גוי הענגט אויף א סיי"ן אויף א געשעפט פון אלקעהאלישע געטראקען אז די געשעפט שטייט צו פארקויפן. ער גייט צו צום גוי און ער פרעגט אים "פארוואס ווילסטו פארקויפן דאס געשעפט? די קונים האבן אויפגעהערט צו קומען?" דער גוי ענטפערט אים "ממש נישט! דאס איז א גוט גייענדיגע געשעפט און עס קומט אריין אסאך געלט, נאר איך בין שוין אלט און איך האב שוין מער נישט קיין כח פאר דעם". שמעון ענדיגט דעם שמועס און איז אוועק געגאנגען דאווענען מנחה.

נאך מנחה איז ער צוריק געגאנגען צום אלקעהאל געשעפט, און ער זאגט פארן גוי "אין אמת'ן אריין האב איך חשק אפצוקויפן דיין געשעפט". דער גוי פרעגט אים "נו? געגאנגען!", שמעון שמייכלט און ענטפערט "איך האב אבער נישט קיין געלט אפצוקויפן דעם געשעפט". דער גוי זאגט פאר שמעון "דו זעהסט מיך אויס ווי אן ארנטליכער מענטש, איך לאז דיר באצאלן מיט פעימענט"ס". שמעון זאגט פארן גוי "וועסט נישט גלייבן... איך האב ניטאמאל קיין געלט פארן ערשטן פעימענ"ט", אבער דער גוי ווערט נישט נתפעל און ענטפערט "איך געטרוי דיר, דו קענסט אנהייבן באצאלן הערשט אין א צייט ארום!" זיי האבן אינטער געשריבן א קאנטראקט און דער געשעפט איז אריבער צום אייגנטומערשאפט פון שמעון.

השי"ת האט אריינגעגעבן א ברכה אין דעם געשעפט און שמעון האט געהאט פרנסה בריוח גדול מאד און ער האט געהאט צו באצאלן אליינס צו חתונה מאכן די קינדער,

אלעס בזכות ווייל ער האט זיך מוסר נפש געווען צו דאווענען מנחה בציבור אפילו ווען ער איז נישט געווען מחוייב מן הדין!

# דער זיידע רייסט איין און דער בחור הארעוועט

## ונצעק אל ה' איינרייסן פאר רחמנות

טייערע אידן! איך וויל היינט ווייטער רעדן וועגן דער ענין פון תפילה.

עס שטייט אין ספר חסידים אז אויב א איד איז מתפלל אויף חפצי שמים -למשל אויף לימוד התורה- און ער גיסט זיך אויס דאס הארץ אויף דעם, הערט השי"ת אויס זיינע תפילות אפילו אויב ער האט נישט קיין מעשים טובים און קיין זכותים.

דער אור החיים הקדוש שרייבט אין פרשת כי תבא, "ונצעק אל ה'" אז א איד דארף בעטן השי"ת זאל אים ראטעווען פונעם יצר הרע, "וישמע ה' את קולנו" אפילו אז השי"ת האט דאך באשאפן דעם יצר הרע, אעפ"כ אויב איז

מען מתפלל העלפט השי"ת און מען ווערט ניצול פונעם יצר הרע.

עס שטייט אין יערות דבש, אז עס איז בדוק ומנוסה אז אויב א איד דאווענט שחרית אינדערפרי און ער לייענט קריאת שמע בכוונה, וועט ער יענעם טאג זוכה זיין בדבר מצוה, און ער וועט מצליח זיין אין פרנסה, און א ודאי וועט ער מצליח אין תורה, און מצוה גוררת מצוה. אבער ווי איז פאר מיר אויף מיין בראך אין א טאג וואס איך דאווען נישט בכוונה, א גאנצן טאג קען איך נישט געהעריג לערנען. אויב שריי איך צום אויבערשטער וועט השי"ת זיך מרחם זיין אויף מיר און ער וועט מיר לעכטיג מאכן.

דער יסוד העבודה טייטשט, "שועת עניים אתה תשמע צעקת הדל תקשיב ותושיע". "שועת עניים" ווען א מענטש שרייט אן ארעמער געשריי און ער בעט אויף גשמיות "אתה תשמע" הערט השי"ת, אבער נישט אייביג איז השי"ת ממלא די בקשה, ווייל אמאל איז א טובה אז דער מצב איז אזוי ווי דאס איז. "צעקת הדל" אויב א מענטש שרייט צו השי"ת ווייל ער וויל זיך דערהייבן און נענטער ווערן צו השי"ת, און ער איז בבחינת דל לי עיני למרום דעמאלס איז "תקשיב ותושיע" השי"ת הערט אים אויס און השי"ת העלפט דעם איד.

עס האט דערציילט אן עלטערע ברודער פונעם חזון איש זי"ע: מיין ברודער דער חזון איש האט געהאט א צימער אינעם קעלער פון מיין טאטנ'ס הויז, און ער האט דארטן געלערנט מיט א חברותא. ווען עס האט זיך געמאכט אז זיי האבן זיך אויף עפעס געמוטשעט און מען האט נישט פארשטאנען דאס לערנען, האבן זיי זיך געשטעלט זאגן תהילים מיט בכיות נוראות. נאכן זיך שטארק אויסוויינען צו השי"ת האבן זיי זיך צוריק געזעצט לערנען, און השי"ת האט זיי מאיר געווען די אויגן אין תורה.

עס האט מיר דערציילט הרה"ח יהושע העשיל הערשבורג שליט"א פון מאנסי, אז ער האט געהערט פון א מנהל פון א ישיבה קטנה: מען האט מיך געבעטן פון אן אנדערע ישיבה קטנה אז איך זאל אריין נעמען א געוויסער בחור אין מיין ישיבה. איך האב מיך אינטערעסירט און נאכגעפרעגט, און איך בין געוואויר געווארן אז דער בחור איז אביסל פויגלדיג.... און ער האלט נישט ממש ביים לערנען. מיין ישיבה איז זייער א חשוב'ער ישיבה, און איך האב געהאלטן אז דער בחור איז נישט פאסיג פארן מצב פון מיין ישיבה, און איך האב געלאזט וויסן פאר די מנהל פון יענע אנדערע ישיבה אז דער בחור ווערט נישט אנגענומען ביי אונז אין ישיבה. דער מנהל פון יענע אנדערע ישיבה האט זיך נישט אזוי שנעל אינטערגעגעבן צו מיר.... און ער האט אנגעהויבן לייגן גרויס דרוק אויף מיר אז איך מוז אים אננעמען... און ער האט מיך ממש נישט אפגעלאזט, ביז.... איך האב מיך געבראכן און איך האב אים אנגענומען אין מיין ישיבה. איך האב מיך אבער אויסגענומען מיט יענעם מנהל פונעם אנדערן ישיבה אז דער בחור איז נישט אויף מיין אחריות, און אויב ער שטייגט נישט אין תורה און אין תפילה קען איך גארנישט טוהן פאר דעם.

דער בחור איז אריינגעקומען אין ישיבה צו א נייע זמן, און איך האב נישט געקענט גלייבן וואס איך זעה! דער בחור האט זייער ווארעם געדאווענט און געהארעוועט אין לערנען, ער איז ממש געווען דאס פארקערטער פון וואס איך האב מיך אויף אים אנגעהערט. איך האב געטראכט אז דאס איז זיכער נאר ווייל עס איז נאך ממש די ערשטע פאר טעג פונעם זמן און די התחדשות פונעם נייע ישיבה, אבער זיכער נאך אפאר טעג וועט דער אמת ארויפשווימען... עס איז אבער אריבער א שיינע שטיק צייט און דער בחור שטייגט מעלה מעלה. איך האב מיך נישט געפוילט און איך האב מיך גענומען מברר זיין וואס דא גייט פאר, און איך בין געוואויר געווארן...

דער בחור האט א זיידע וואס וואוינט אין ארץ ישראל. דער זיידע האט געהערט ווי אזוי זיין אייניקל זעהט אויס, און ער האט געהאט פון דעם גרויס עגמת נפש. ער איז אריבער געגאנגען צו הרה"ג חיים קניבסקי שליט"א און ער האט זיך צו אים אויסגעוויינט אז זיין אייניקל פארט אויף א נישט גוטע וועג. רבי חיים שליט"א האט געענטפערט פארן זיידן "זאלסט דאווענען אויף אים". און רבי חיים האט דערציילט: איך פלעג האבן א שיעור מיט מיין טאטן דער סטייפלער זצ"ל יעדן אינדערפרי בקביעות. איין טאג האב איך מודיע געווען פארן טאטן אז מארגן האב איך א געוויסע סיבה און איך וועל נישט קענען קומען פונקטליך צו די צייט, נאר איך וועל שפעטיגן מיט אפאר מינוט. ביי מנחה האב איך באמערקט אז מיין טאטע האט אביסל מאריך געווען מיטן דאווענען מער ווי געווענליך. איך האב מיך זייער געוואונדערט, און נאך מנחה בין איך צוגעגאנגען און געפרעגט מיין טאטן פארוואס האט ער היינט אזוי מאריך געווען מיטן מנחה? דער טאטע האט מיר געענטפערט מיט א שארפקייט "האסט מיר געזאגט אז מארגן קומסטו שפעט צום שיעור, האב איך געזעהן אז דו פאלסט אין אידישקייט, ממילא האב איך מתפלל געווען אז השי"ת זאל רחמנות האבן און דו זאלסט נישט פאלן אין אידישקייט".

דער זיידע פונעם בחור האט זיך געוואונדערט און געפרעגט: רבי! איך בין נישט דער סטייפלער גאון זצ"ל, מיינע תפילות האבן געוויס נישט אזא כח ווי דער סטייפלער'ס תפילות, איז פארוואס הייסט דער רבי אז "איך" זאל דאווענען? רבי חיים שליט"א האט זיך נישט געלאזט און צוריק געענטפערט: זעהסט דאך אז די תפילות האבן גע'פועל'ט, איז וואס האסטו מורא צו מתפלל זיין? זאלסט מתפלל זיין אז דיין אייניקל זאל זיין א ערליכער איד, און בפרט ווען דו זעהסט ספרים אויסגעפאקט אויף די טישן אין שול זאלסטו זיי אוועקפאקן, און בשעת'ן אוועקפאקן זאלסטו מתפלל זיין אז בזכות וואס דו ביסט מכבד די תורה זאל דיין אייניקל אויך מכבד זיין די תורה און טוהן די רצון פונעם נותן התורה!

און דאס איז געווען די סיבה פארוואס דער אייניקל האט זיך אינגאנצן געטוישט!

# כ"א אדר אין ליזענסק - דער גאנצער עולם הערט די יללות פון א פרוי אריבער די מחיצה

### וואס האט ר' יוסי בן פזי געזהן ווען ער איז געווען אין די געגענט פון הרי אררט

טייערע אידן! איך וויל היינט ווייטער רעדן בענין תפילה, ובפרט אז היינט איז חמישה עשר בשבט, און פירות איז מרמז אויף די קינדער פונעם מענטש. עס שטייט והיתה פרי הארץ לגאון ולפארת, וממילא אז מען איז מתפלל אויף די פירות איז אויך פאסיג מתפלל צו זיין אויף גוטע קינדער.

אין זוהר חדש אין פרשת בראשית ווערט געברענגט א מעשה בענין די גרויסקייט פון די תפילות וואס עלטערן זענען מתפלל אויף זייערע קינדער: רבי יוסי בן פזי האט אמאל באזוכט ביי א איד אין די געגנט פון די הרי אררט, און יענער האט אויסגעזעהן צו זיין א פשוט'ער איד. רבי יוסי האט געזעהן אז די מאן און די ווייב זענען ביידע געשטאנען אויסגעדרייט צו די וואנט און געוויינט און מתפלל געווען אז זיי זאלן זוכה זיין צו א קינד וואס זאל זיין אן ערליכער איד, און ער זאל זיך נישט אוועקרוקן פונעם דרך התורה נישט רעכטס און נישט לינקס. רבי יוסי האט זיי געבענטשט אז זייער תפילה זאל נתקבל ווערן פארן אויבערשטער. זיבן יאר שפעטער איז רבי יוסי נאכאמאל געקומען צו יענעם איד נעבן די הרי אררט, און ער האט דארטן באגעגנט א זיבן יעריגער יונגל מלא חן, א קינד פונעם בעל אכסניא. ער האט מיט דעם יונגל פראבירט צו שמועסן, אבער דער יונגל האט נישט געוואלט רעדן מיט אים. דער טאטע פונעם קינד האט אים געפרעגט "פארוואס רעדסטו נישט מיט דעם גאסט?, ער איז א גרויסער צדיק!" דער קינד האט געענטפערט דעם טאטן "איך האב מורא צו רעדן מיט אים, ווייל איך ווייס נישט אויב ער האט א הייליגער נשמה, און מיין רבי האט היינט געזאגט אין חדר אז מען טאר נישט רעדן מיט א מענטש וואס האט נישט א הייליגער נשמה!" זעהט אויס אז אין די חדר דארטן אין הרי אררט האבן זיי געקענט זעהן אויף א מענטש אויב ער האט א הייליגער נשמה, און מען האט געוואוסט פון וועמען זיך צו היטן. דער טאטע האט געענטפערט פארן קינד "זאלסט חס ושלום נישט טראכטן אזוי אויף דער גאסט, ער איז א חכם און א גדול הדור".

דער זוהר ברענגט א גאנצער שטיקל אין עניני קבלה וואס דער קינד האט געשמועסט מיט רבי יוסי. נאכדעם האט רבי יוסי געפרעגט דעם קינד "ווי אזוי הייסטו?" דער קינד האט געענטפערט "איך הייס אהבה!" רבי יוסי האט געזאגט פארן קינד "דו הייסט אהבה, איך וועל אויף דיר זאגן די פסוק אהבת עולם אהבתיך!" רבי יוסי האט מעיד געווען אז דעם קינד אהבה'ס זוהן איז געווען רבי אדא בר אהבה.

עכ"פ מען זעהט פון די מעשה די גרויסער כח פון תפילה מעומקא דליבא אז ווען עלטערן זענען מתפלל פון טיפן הארצן, העלפט השי"ת און זיי זענען זוכה צו וואוילע קינדער.

א פרוי איז אמאל געקומען צו הרה"ק הערשעלע ליסקער זי"ע בעל מחבר ספר אך פרי תבואה, און זי האט געבעטן "רבי! איך וויל איר זאלט מיר צוזאגן אז איך וועל זוכה זיין צו קינדער וואס זענען אזוי גרויס אין קדושה און אין תורה ויראת שמים אזוי ווי דער רבי!" הרה"ק הערשעלע זי"ע האט איר געענטפערט "איך קען אייך דאס נישט צוזאגן! נישט בחינם איז מען זוכה צו גוטע קינדער!"

ער האט איר דערציילט: מיין מאמע ע"ה איז יעדע נאכט אויפגעשטאנען בחצות הלילה, זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד און מיט הייסע טרערן האט זי אפגעראכטן תיקון חצות, און זי האט אזוי געוויינט אז זי האט אנגעפולט א גאנצער גלעזל מיט טרערן. אינדערפרי ווען איך בין אויפגעשטאנען האט זי מיך אפגעשיקט אין חדר אריין, און איידער איך בין ארויס פון שטוב האט זי מיך אפגעוואשן מיין שטערן מיט אירע טרערן פון יענעם גלעזל! זעהט אויס אז די טרערן האבן עפעס אויפגעטוהן מיט מיר... סתם אנוואונטשן העלפט נישט פאר דעם!

עס האט מיר דערציילט הרה"ג יהושע העשיל הערשבערג שליט"א: איך בין געווען א מגיד שיעור אין נייטרא ישיבה, דארטן איז געווען א מגיד שיעור הרה"ג ליפא העלער. איידער ר' ליפא העלער איז געווארן מגיד שיעור אין נייטרא האט ער געהאט א ישיבה פאר בינונים. איינמאל כ"א אדר האט די נייטרא ישיבה געמאכט א סעודה לעילוי נשמת הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע. זיצנדיג דארטן ביים סעודה האט ר' ליפא העלער דערציילט א הפלא ופלא'דיגע מעשה:

ביי מיר אין ישיבה האט געלערנט א וואוילער חשוב'ער בחור וואס האט געהארעוועט אין לערנען, אבער ער האט נאר פארשטאנען ווארט ביי ווארט וואס ער האט געלערנט, און ער האט נישט געקענט צוזאמענשטעלן די שקלא וטריא. למשל, ער האט פארשטאנען די קושיא און ער האט פארשטאנען די תירוץ, אבער ער האט נישט געכאפט ווי אזוי די קושיא ווערט פארענטפערט, און פארוואס די הלכה טוישט זיך לויטן תירוץ וכדומה. דעם בחור'ס מאמע האט מיך אנגערופן ממש יעדע פאר וואכן און געוואלט וויסן וואו איר זוהן האלט מיט די לימודים, און אויב זיין הבנה האט זיך שוין פארבעסערט. יעדער מאל וואס איך האב איר געענטפערט אז ער מוטשעט זיך נאכאלס מיט הבנה, האט זיך מיר געדאכט אז די מאמע גייט חלש'ן, אזוי שטארק האט איר דאס וויי געטוהן. דער בחור האט אזוי געטאפט א וואנט א יאר צייט אנדעם וואס עפעס זאל זיך רוקן מיט אים.

ויהי היום, איין טאג איז דער בחור נשתנה געווארן מן הקצה אל הקצה און ער האט אנגעהויבן גוט גוט צו פארשטיין די שקלא

וטריא פון די גמרא. עד כדי כך, אז איז געווארן א שטיקל שואל ומשיב, ווייל ער האט אזוי טיעף פארשטאנען אז בחורים זענען אים געקומען פרעגן שאלות אין די גמרא. איך האב מיך זייער זייער זייער געוואונדערט, וואס האט זיך דא געטוישט אז ער האט אנגעהויבן פארשטיין לערנען? איין טאג האב איך ארייגערופן דעם בחור, און איך האב מיט אים געכאפט א שמועס על דא ועל הא, און מסיח לפי תומו האט ער מיר פארציילט אז זיין מאמע איז געווען כ"א אדר אין ליזענסק. אזוי ווי איך האב געהערט די ווערטער האב איך שוין אנגעהויבן אביסל צו פארשטיין וואס דא טוט זיך. איך האב גערופן א טרעוועל אגענ"ט מיט וועמען איך בין באקאנט, און איך האב האב אים געפרעגט אויב ער געדענקט א נאמען ווער עס איז געווען אין ליזענסק דעם פארגאנגענע כ"א אדר, און ער האט מיר גענטפערט א נאמען פון מיינער א באקאנטער וואס איז געווען אין ליזענסק כ"א אדר.

איך האב מיך פארבינדן מיט יענעם און איך פרעג אים אויס "ווי אזוי איז געווען דעם פארגאנגענעם כ"א אדר אין ליזענסק?" יענער הייבט אהן צו דערציילן ווי א גרויסער התעוררות עס איז געווען, און ווי ווארעם די תפילות ביים ציון זענען געווען. בתוך הדברים דערציילט ער פחד'דיגע דיבורים! אז פונעם ווייבער שול האט מען געהערט באנומענע קולות און יללות פון א פרוי וואס האט געוויינט און געשריגן "אוי באשעפער! העלף אז מיין זוהן זאל גוט פארשטיין שקלא וטריא פון די גמרא! הייליגער באשעפער האב רחמנות אויף מיין זוהן ער זאל זיך שוין מער נישט אזוי מיטשענען צו פארשטיין די שקלא וטריא פון די הייליגער גמרא!" זי האט אזוי געשריגן און געוויינט א לאנגע צייט!

הרה"ג ליפא העלער האט צוגענדיגט די מעשה: נאכן הערן וואס די מאמע האט געטוהן אין ליזענסק, איז מיר שוין אלעס קלאר געווארן, און איך פארשטיי שוין פונקטליך פארוואס דער בחור קען שוין גוט לערנען. ווייל ווען עלטערן זענען מתפלל מיט טרערן פאר השי"ת אז זיי זאלן זוכה זיין צו וואוילע קינדער ווערן זייערע תפילות נתקבל לרחמים ולרצון פארן כסא הכבוד!

# וואס איז איהם מגלה הרה"ק ר' יענקעלע זי"ע מפשעווארסק זצוק"ל אין חלום נאכן זאגן תהילים

פארציילט המשפיע ר' שמעון שפיטער שליט"א

## אוי תהילים'ל תהילים'ל

טייערע אידן! איך וויל היינט ווייטער רעדן וועגן תפילה. איינע פון אונזערע באליבסטע און הייליגסטע תפילות זענען די הונדערט און פופציג קפיטלעך פונעם הייליגן ספר תהילים.

הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אין ספה"ק נועם אלימלך אין ליקוטי שושנה, אז אמאל ווערט א תפילה פון א איד נישט נתקבל ח"ו, ווייל עס זענען דא מקטריגים וואס לאזן נישט אדורך די תפילות. די עצה פאר קבלת התפילות איז זיך צו מקשר זיין צום עולם התהילה וואס דארטן איז דא א גרויסער אור און עס איז נישט שולט דארטן קיין מקטריגים. די ספר תהילים איז פון עולם התהילה, און טאקע דערפאר הייסט דאס תהילים מלשון תהילה, וממילא דורך'ן זאגן תהילים ווערט נמתק אלע קטרוגים און די תפילות ווערן נתקבל.

עס שטייט אין של"ה הקדוש אז עס איז נישטא קיין גרעסערס ווי די הייליגער תהילים, ווייל עס ענהאלט אין זיך אלעס. עס זענען דא קפיטלעך וואס בעטן מחילה פון השי"ת, און עס זענען דא קפיטלעך וואס דאנקן השי"ת, און דוד המלך ע"ה האט געמאכט די ספר תהילים מיט א רוח הקודש וואס השי"ת האט אין אים אריינגעשיינט. איינער וואס זאגט תהילים איז דאס אים נחשב אזוי ווי ער דאווענט און אזוי ווי ער לערנט תורה, ווייל דוד המלך ע"ה האט געבעטן פון השי"ת אז אמירת תהילים זאל ווערן גערעכנט כאילו מען האט געלערנט די הלכות פון נגעים ואהלות.

עס שטייט אין דברי תורה פונעם מונקאטשער רב זצ"ל, אז ווען א מענטש זאגט תהילים ווערט אין אים נתלבש די נפש פון דוד המלך ע"ה, און ער העלפט אים צו זאגן תהילים!

עס ווערט געברענגט אז א איד האט זיך אמאל באקלאגט פארן הייליגן לעכאוויטשער זי"ע אז ער וואוינט אין א שטאט אליינס דער איינציגסטער איד אן קיין חברים, און ער שפירט זיך אפגעזונדערט פון ערליכע אידן. דער הייליגער לעכאוויטשער האט אים גע'עצה'ט "האלט א תהילים אין די הענט, ווי קען א איד זאגן אז ער איז אליין ווען ער האלט א תהילים'ל און ער רעדט צום הייליגן באשעפער? אז מען נעמט א תהילים און מען רעדט צום אויבערשטער איז מען קיינמאל נישט אליין!"

איך האב געהערט א מעשה פונעם מגיד המפורסם הרה"ג שמעון שפיצער שליט"א וואס ער האט עס אליינס געהערט פונעם בעל המעשה, און יענער האט אזוי דערציילט: איך האב זייער שטארק געליטן פון צער גידול

בנים ל"ע. איין טאג האב איך אריינגעקוקט אין א ספר פון הרה"ג שמשון פינקוס זצ"ל און איך זעה אז ער שרייבט דארטן "ווען דו זאגסט תהילים זאלסטו נישט סתם זאגן א קפיטל נאך א קפיטל, נאר זאלסט זאגן איין קפיטל אדער אפילו נאר איין פסוק, און דו זאלסט זיך קאכן מיט די ווערטער און דאס איבערזאגן אפילו א שעה צייט אין איין צו, און זיך באהעפטן מיט די הייליגע ווערטער און מיטן אויבערשטער".

איך האב גענומען א תהילים און איך האב אנגעהויבן זאגן קפיטל כ"ז לדוד ה' אורי, און ווען איך בין אנגעקומען צו די ווערטער "שמע ה' קולי אקרא וחנני ועננו" האב איך מיך שטארק שטארק באהאפטן מיט די ווערטער, און איך האב מיך אנגעהויבן קאכן אין די ווערטער און זיי איבערזאגן איינמאל און נאכאמאל במשך פון א דריי פערטל שעה!

ביינאכט האב איך מיך געלייגט שלאפן, און מורי ורבי הרה"ק יענקעלע זי"ע מפשעווארסק איז מיר געקומען אין חלום. איך האב מיך פאר אים באקלאגט אז איך לייד זייער שטארק פון צער גידול בנים ל"ע און איך האב אים געבעטן א ברכה. דער רבי האט מיר אנגעוואונטשן, אבער איך בין נישט געווען צופרידן פונעם ברכה. דער רבי האט געזאגט "איך וועל ברענגען א מנין, און דער מנין וועט דיר אנוואונטשן". דער רבי האט געברענגט א מנין, און דער רבי האט געזאגט די נוסח פון ברכת כהנים, און דער רבי האט פארגעזאגט און דער מנין האט נאכגעזאגט, און איך האב געענטפערט אמן. נאכן אנוואונטשן מיטן מנין האט דער רבי אראפגעלייגט די קאפ, און נאך אפאר מינוט האט ער מיר איינגעמאלדן אז מען נישט אנגענומען די תפילה און די ברכה! איך האב אנגעהויבן צו וויינען זייער שטארק, און איך האב געפרעגט "רבי! וואס נאך קען איך טוהן געהאלפן צו ווערן מיט נחת פון מיינע קינדער?" האט מיר דער רבי געענטפערט "דו ליידסט וועגן מחלוקת!" איך האב נישט געגלייבט וואס איך הער און איך האב געפרעגט "רבי! איך האב ב"ה נישט קיין מחלוקת מיט קיינעם!" דער רבי האט מיך געענטפערט פרעגענדיג "דו ביסט מכבד דיין פרוי?" דא האב איך שוין נישט געקענט ענטפערן אזוי גלאטיג ווייל איך האב מיך געכאפט אז ליידער בין איך אביסל מזלזל אין די כבוד פון מיין פרוי און איך קוק מיך נישט גענוג אום אויף אירע צרכים.

עכ"פ היוצא לנו מזה אז ווען א איד זאגט תהילים מיטן גאנצן הארץ און ער באהעפט זיך מיט די הייליגע ווערטער און ער קאכט זיך מיט זיי, העלפט אים השי"ת און ער איז זוכה צו א התגלות מן השמים אזוי ווי דער איד וואס האט באקומען א קלארע הדרכה מן השמים וואס ער דארף מתקן זיין.

# סיפורי צדיקים

## ▪ וואס האט דער מעזריטשער מגיד געוואונטשען **ר' לייב שרה'ס** ביי זיין בר מצוה

די וואך ד' אדר איז די יארצייט פון הרה"ק ר' **ליב שרה'ס** זי"ע.

דער **טאהשער רבי** זכרונו לברכה האט פארציילט, אז דער **אור החיים הקדוש** איז אוועק ט"ו תמוז תק"ג. צוויי טעג נאכדעם, אין שבעה עשר בתמוז, איז הרה"ק ר' לייב שרה'ס געווארן בר מצוה, און זיין מאמע האט אים געברענגט צום **מעזריטשער מגיד** זי"ע ער זאל אים בענטשן לכבוד זיין בר מצוה.

האט אים דער גרויסער מגיד געגעבן דורון דרשה, ער האט אים געגעבן א חלק פון די נשמה פון דער **אור החיים הקדוש**, און מיט די כח פון די נשמה האט ר' לייב שרה'ס אויפגעטון גדולות ונצורות זיין גאנצער לעבן. ער איז ארומגעפארן פון איין פלאץ צו די צווייטע, ער האט מבטל געווען גזירות, און ער איז געווען לאנג אין וויען ביים קייזער, מיט זיין קדושה האט ער שולט געווען אויפן קייזער, און דער קייזער האט אים געמוזט פאלגן יעדע זאך וואס ער האט געוואלט. ער האט מגין געווען אויף זיין דור, און דאס האט אלעס צוגעהאלפן די חלק פון די נשמה וואס ער האט מקבל געווען פון דער גרויסער מגיד, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

## ▪ די מורא'דיגע מעשה פון **ר' לייב שרה'ס ביי ר' יעקב פיש ז"ל**

אויך האט דער **טאהשער רבי** זכרונו לברכה דערציילט אין ספר **עבודת עבודה**, וואס די מעשה האט פארציילט **ר' יעקב פיש ז"ל**, וואס ער איז געווען דער גבאי פון **ר' אייזיק'ל קאלובער**, אז ר' לייב שרה'ס האט אים געראטעוועט מיט זיין רוח הקודש. ר' יעקב פיש איז געווען דער בעל אכסניה אין קאלוב פאר אלע צדיקים, ער האט געהאט א פינקס וואו ער האט פארשריבן די נעמען אכציג בעלי רוח הקודש צדיקים וואס זענען איינגעשטאנען ביי אים.

איינמאל איז ר' לייב שרה'ס געקומען קיין קאלוב, און ער איז איינגעשטאנען ביי ר' יעקב פיש, ער האט אים מקבל געווען מיט א סבר פנים יפות, און ער האט אים מכבד געווען. איין טאג זאגט ר'

לייב שרה'ס צו ר' יעקב, גיי צו דער שר המדינה, און זאג אים אז 'לייב לאזט דיר רופן'.

ר' יעקב פיש האט געזאגט פאר ר' לייב שרה'ס, אז זיין פאלאץ איז ארומגענומען מיט גרויסע הינט, און ער קען נישט גיין. האט ר' לייב שרה'ס געזאגט, דאך גיי, און טאמער דו גייסט נישט, וועל איך שיקן מיינע שליחים זאלן גיין.

האט ר' יעקב געבעטן פון ר' לייב שרה'ס אז ער זאל אים מיטגעבן איינער פון זיינע שליחים, ר' לייב שרה'ס האט מסכים געווען, און ר' יעקב איז געגאנגען מיט א שליח פון ר' לייב שרה'ס.

בדרך נס זענען זיי אנגעקומען צו דער שר, און איבערגעגעבן די ווערטער פון ר' לייב שרה'ס. אזוויי דער שר האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, איך גיי שוין צו אים. דער שר איז געקומען צו די אכסניה. ר' לייב שרה'ס האט אים אריינגענומען אין א אינעווייניגע שטוב, און ער האט גערעדט מיט אים.

נאך מ'איז ארויסגעגאנגען האט ר' לייב שרה'ס געוויזן פאר דער שר, אז דאס איז ר' יעקב וואס פארשטייט גוט צו פערד, אז דו ווענסט וועלן קויפן א פערד, זאלסטו אים מיטנעמען צו דער יריד. ער האט נישט פארשטאנען וואס ר' לייב שרה'ס מיינט צו זאגן.

ס'איז דורכגעגאנגען א לאנגע צייט, און ס'איז געקומען פאר פסח, האט מען געמאכט א בלבול אויף ר' יעקב אז ער האט גע'הרג'עט זיין גוי'אישער קנעכט, א יונגער גוי. ר' יעקב האט געהאט אסאך שונאים, און ס'איז געווען א גלח וואס האט אים מורא'דיג מקנא געווען אויף זיין הצלחה, האט ער געהייסן פאר דער משרת פון ר' יעקב דער גוי, ער זאל אוועקפארן ווייט, און ער האט געשטעלט עדים אז ר' יעקב האט גע'הרג'עט דעם גוי.

די זמן המשפט האט געדארפט זיין נאך פסח, דערווייל איז ר' יעקב געווען אין תפיסה, און די משפחה האט משתדל געווען אז מ'זאל אים ארויסנעמען פון תפיסה ביז די זמן המשפט, און מיט אסאך געלט האט מען מצליח געווען, און מ'האט אים באפרייט.

אינצווישן האט דער שר געדארפט קויפן פערד אויף דער יריד, איז ער געגאנגען צו ר' יעקב בעטן ער זאל זיך מצטרף זיין צו זיין נסיעה צו קויפן די פערד, ווייל ר' לייב שרה'ס האט אים דאך געהאט געזאגט אז ר' יעקב פארשטייט זייער גוט דערצו.

דער שר האט געזען אז ער איז זייער פארזויערט, האט ער אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי פארקלעמט. האט אים ר' יעקב דערציילט די גאנצע בלבול וואס מ'האט געמאכט אויף אים. דער שר האט אים בארואיגט, און ער האט אים געזאגט, אויב דער אמת איז מיט דיר, וועל איך משתדל זיין אז דער משפט זאל ארויסגיין לאורה, און מ'זאל געוואויר ווערן דער אמת.

ר' יעקב איז געפארן מיטן שר צו דער יריד פון די פערד, און ווען ער איז אהינגעקומען האט ער געטראפן דער גוי וואס דער גלח האט אים אהינגעשיקט, וואס לויט דער בלבול האט אים ר' יעקב גע'הרג'עט. דער גוי האט געוויינט, און געזאגט אז ער וויל צוריקגיין צו זיין שטאט, נאר דער גלח האט אים אהערגעשיקט.

דער שר האט דאס אלעס געזען, האט ער פארשטאנען אז דאס איז אלץ א בלבול, און ער האט אים מיטגענומען מיט זיך. ער האט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען כדי ער זאל נישט אנטלויפן, און ער האט אים באהאלטן.

ס'איז געקומען צום משפט, און מ'האט מעיד געווען אויף ר' יעקב אז ער האט גע'הרג'עט דעם גוי, די שופטים האבן גוזר געווען א שטארקן פסק, דעמאלס איז דער שר געקומען צו גיין מיטן גוי, און יעדער האט געזען דער בלבול וואס דער גלח האט געמאכט, און מ'האט אויפגעהאנגען דעם גלח, כן יאבדו כל אויביך ה'.

דאס האט ר' לייב שרה'ס גערעדט מיטן שר יארן פארדעם. ווען ער האט אים אריינגענומען אין שטוב, האט ער אים געזאגט אז ער זאל זען מציל זיין ר' יעקב פון דער בלבול, דאס איז געווען דער רוח הקודש פון ר' לייב שרה'ס.

## דער באגלייטער פון **ר' לייב שרה'ס**

ר' לייב שרה'ס פלעגט פארן פון שטאט צו שטאט, און ער פלעגט קיינמאל נישט האבן קיין באגלייטער. איינמאל האט אים א איד געבעטן אז ער וויל אים באגלייטן, האט ר' לייב שרה'ס געזאגט, דו קענסט מיר באגלייטן, אבער נאר אויב דו זאגסט מיר צו אז דו וועסט מיר גארנישט פרעגן וואס דו זעסט.

ער האט געזען גרויסע וואונדערליכע זאכן. ער האט אים מיטגענומען צו א מארק, דארט איז געווען אסאך קליינע שטיבעלעך וואס מ'האט געקענט פארדינגען צו קענען פארקויפן בראנפן. איז געגאנגען ר' לייב שרה'ס, ער האט געקויפט אסאך בראנפן, און געדינגען איינע פון די שטיבלעך דארט. אינמיטן די שטוב האט ער אויסגעשפרייט אזא פורהאנג, אז ווער ס'וויל טרינקען זאל קענען טרינקען אינעווייניג פון דער מחיצה.

פלוצלינג איז געקומען א מענטש, און אריין אין איינע פון די געשעפטן דארט, ער האט געוואלט קויפן בראנפן, ער האט געהאט עפעס א קליינע מטבע, האט דער מוכר געזאגט אז די מטבע איז גארנישט ווערד, די מלכות האט עס שוין גע'פסל'ט, מ'קען נישט מיט דעם גארנישט קויפן, אז דו ווילסט קען איך דיר געבן בחינם, דער מענטש האט נישט געוואלט, ער האט געוואלט דוקא קויפן מיט די מטבע, איז ער געגאנגען צו אן אנדערע געשעפט, דארט האט מען אויך נישט געוואלט מקבל זיין די מטבע.

ביז ער איז אנגעקומען צו ר׳ לייב שרה׳ס, ר׳ לייב שרה׳ס האט גענומען די מטבע, ער האט געזאגט אז ס׳איז א גוטע מטבע. ער האט אים פארקויפט בראנפן, ער האט אים געהייסן אריינגיין אין די מחיצה, און דארט טרינקען. דער מענטש איז אריין און נישט ארויס.

דער וואס האט באגלייט ר׳ לייב שרה׳ס האט געזען אז דער קונה איז נישט ארויס, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, האט ער געבעטן ר׳ לייב שרה׳ס זאל אים זאגן די פליאה וואס ער האט דא געזען.

האט אים ר׳ לייב שרה׳ס געזאגט, איך האב זיך דאך אויסגענומען מיט דיר אז דו וועסט נישט פרעגן? אבער נאך וואס יענער האט אים שטארק געבעטן, און ער האט מבטיח געווען אז ער גייט אים שוין קיינמאל נישט באגלייטן, האט ר׳ לייב שרה׳ס געזאגט, אז דער מענטש איז שוין נישט אויף דער וועלט. ער איז צוריקגעקומען אויף דער וועלט, ווייל בשעת ער האט געלעבט האט ער קיינמאל נישט געגעבן קיין צדקה מער ווי א קליינע מטבע, וואס איז גארנישט ווערד געווען.

האט מען אים דן געווען אין בית דין של מעלה, און ער האט גע׳טענה׳ט אז איין מטבע האט ער געגעבן צדקה, האט בית דין של מעלה גע׳טענה׳ט אז דער מטבע איז גארנישט ווערד, און מ׳האט גע׳פסק׳נט אז טאמער מ׳וועט מסכים זיין אויף דער וועלט אז דער מטבע איז יא ווערד, וועט מען עס רעכענען פאר צדקה.

פארדעם איז ער אראפגעקומען אויף דער וועלט קויפן בראנפן מיט די מטבע, אבער די מוכרים האבן עס נישט געוואלט קויפן, ווייל זיי האבן געזאגט אז ס׳איז גארנישט ווערד, און ווען ער האט געוואלט געבן סתם אזוי בראנפן האט ער גארנישט געהאט דערפון, ווייל דער עיקר וואס ער האט געוואלט איז געווען אז מ׳זאל מסכים זיין אז דאס איז א מטבע, ביז ער איז געקומען צו מיר, און ער האב מחליט געווען אז דער מטבע איז יא ווערד, אזוי האט ער געהאט א תיקון.

## ▪ הרה״ק ר׳ מרדכי חיים סלאנימער זי״ע האט פארציילט,

אז ר׳ יעקב שמשון פון שפיטיווקע האט אמאל געפרעגט פון ר׳ לייב שרה׳ס וואס איז נייעס אין די קעניגרייך, ווייל ער האט זיך דאך געדרייט ביי די קעניג אין ווינען. האט ער געזאגט אז די גדולי המלכות האבן זיך צאמגענומען אז זיי גייען גוזר זיין גזירות אויף אידן, און איינער פון די שרים האבן געפרעגט, וואס איז פשט אז די אידן ווייסן שוין פון די גזירה נאכפאר מ׳איז דאס גוזר, געווענליך האלט מען עס פאר א גרויסער סוד, ווער זאגט עס זיי?

האט איינער פון די שרים געזאגט אז ס׳איז דא א בפירוש׳ע פסוק ׳עוף השמים יוליך את הקול׳, אז די פייגעלעך טראגן די קול, און פון דעם ווייסן די אידן די גזירות, און זיי זענען מתפלל.

האבן זיי זיך מיישב געווען אז זיי גייען נישט רעדן, נאר זיי גייען אלעס שרייבן, און ר׳ יעקב שמשון פון שפיטיווקע האט געהאט א געוואלדיגע עגמת נפש, וויאזוי וועט מען יעצט קענען מבטל זיין די גזירות. האט ר׳ לייב שרה׳ס געזאגט, אז זיי האבן זיך טועה געווען, ווייל אין סוף פסוק שטייט ׳ובעל כנפים יגיד דברים׳, אז די מלאכים וועלן אויסזאגן, און אפילו זיי וועלן נישט רעדן וועלן די מלאכים שוין ויסן די גזירות און זיי וועלן עס אויסזאגן, און אזוי וועט מען קענען מבטל זיין די גזירות.

זכותו הגדול פון ר׳ לייב שרה׳ס יגן עלינו, און אין די זכות פון דער גרויסער ר׳ שלום זאל מען האבן א פרייליכן שבת.

שבת.

# א פרייליכן שבת